# נ ח

## די וואָס זוכען אויפ׳ן רב

אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, יש דורשין אותו לשבח וכו׳ ויש דורשין אותו לגנאי וכו׳.
(רש״י).

פילע פרעגען, ווי באלד עס איז פאראן אַ וועג צו דרשה׳נען איהם לשבח ווארום זאָלען זיי איהם דרשה׳נען לגנאי? דער תירוץ איז אזוי, ווען מיר זעהען אַ צדיק מיט אַ חסרון, זאָלען מיר ניט דענקען אז ער איז שוין צוליעב דעם ניט קיין צדיק. ער איז דער זעלבער צדיק. די „ראיה" איז פון נח, אויף נח ווערט געזאָגט „איש צדיק תמים" רופט איהם דאָך די תורה צדיק תמים — כאָטש „ויש דורשין אותו לגנאי". כאָטש עס געפינט זיך אַ גנאי אויף איהם, דאָך איז ער אַ צדיק תמים, ניט ווי אין אמעריקא, אויב זיי געפינען עפּעס אויף זייער רב, ווייל זיי זוכען בסדר אויף איהם, געפינען זיי דאָך. טייערע מיינע, כאָטש איהר האָט עפּעס אַ חסרון געפונען, איז ער דאָך אַ צדיק תמים, ודו״ק היטב.

## אייגענע לויב טויג נישט

יש דורשין אותו לשבח וכו׳ ויש דורשין אותו לגנאי וכו׳. לשבח אלו היה בדורו של א״א היה צדיק יותר — לגנאי אלו היה בדורו של וכו׳ לא היה נחשב לכלום.

(רש״י).

װי באלד עס איז דא א װעג צו דרשה׳נען לשבח, װארום זאל מען דרשה׳נען לגנאי? דער תירוץ איז, די װעלכע דרשה׳נען איהם לגנאי, דערמיט מאכען זיי נאך העכער נח זיין צדקות זיין מדרגה, װי די װאס דרשה׳נען איהם לשבח. די װאס לערנען לשבח, לערנען אזוי, — יש דורשין — עס איז פאראן װאס זיי ערקלערען אז נח האט זיך אליין גע׳דרשה׳נט לשבח. „אותו״, איהם אליין האט ער גע׳דרשה׳נט לשבח, זיין גרויסקייט, אז איך װאלט געװען „בדורו של אברהם״, װאלט איך נאך געװען העכער און העכער, קומט עס אויס, אז ער האט פון זיך געהאלטען, און דאס איז אביסעלע גרויסקייט. אבער „יש דורשין אותו״, זיך אליין זאגען אנדערע, האט ער אויף זיך גע׳דרשה׳נט לגנאי. װען איך װאלט געװען בדורו של אברהם װאלט איך גאר ניט געװען גערעכענט פאר א צדיק תמים. קומט איצט אויס, אז דער „לגנאי״ איז א גרעסערער שבח אויף נח, ודו״ק היטב.

---

## הינטיגע דע בנים (רבנים)

אלה תולדות נח — נח איש צדיק תמים בדורותיו את האלהים התהלך נח.

די גמרא זאגט אין (כתובות ק״ה) „האי צורבא מרבנן דמרחמי ליה בני מתא — לאו משום דמעלית טפי, אלא משום

דלא מוכח להו במילי דשמיא". א רב וואס די שטאט-לייט זיינע ליבען און גלייכען איהם, איז ניט צוליב דעם ווייל ער איז א גרעסערער רב פאר אנדערע, פרימער פאר אנדערע רבנים. ניין, ניט צוליעב דעם, נאר ווייל ער שטראפט זיי קיין מאהל ניט אין גאט זאכען „בין אדם למקום", נאר ער שטראפט זיי „בין אדם להבירו", דארום גלייכען זיי איהם.

און די מפרשים זאגען, „את האלהים התהלך נח", מיט גאט איז ער אליין געגאנגען, ער האט געטאן אלעס וואס באלאנגט צו גאט, אבער זיין דור האט ער ניט געשטראפט, צו זיין גוט און פרום אויך צו גאט. איז דאס דער פשט, „איש צדיק תמים היה בדורותיו", ער איז געווען באליעבט ביי זיין דור „בדורותיו" אין די אויגען פון די מענשען פון זיין צייט, ווייל את האלהים התהלך נח, מיט גאט איז ער אליין נאר גע־גאנגען, און ער האט זיין דור ניט געזאגט קיין מוסר, וק"ל.

---

## א ביטערער שלום — משל יקר

ויבא נח ואשתו ונשי בניו וגו' אל התבה מפני מי המבול.

א פאטער האט געהאט צוויי זיהן, טאג טעגליך האבען זיי זיך ארומגעקריגט, און אויך געשלאגען זיך. די עלטערען האבען דערפון זעהר פיעל געליטען. ווען עס איז שוין קיין ברירה ניט געווען, האבען זיי ארויס געטריבען ביידע בנים, זיינען זיי אוועק קיין מאסקווע.

א יאהר אוועק, דארף זיך מאכען, אז אן ארימאן איז געקומען אין דער שטאדט, האט דער פאטער פון די בנים משחיתים דעם ארימאן גענומען אויף שבת. אין די רייד, ביי דעם טיש זיצענדיג, האט זיך דער „בעל הבית" דערוואוסט,

אז ער איז פון מאסקווע. פרעגט ער דעם אורח, האט איהר פילייכט געטראפען אזעלכע און אזעלכע צוויי בחורים? יא! איך האב זיי געזעהען איינינע מאהל, נאר זיי פלעגען זיך ארום שלאגען כסדר, אבער איצט, איז ביי זיי שלום און אחדות,, איינער קען אהן דעם אנדערען א טריט אפילו ניט געהן, א וואונדערליכער שלום ביי זיי. (דער אורח ווייסט ניט, אז דאס ווערט גערעדט פון דעם בעל הבית קינדער).

פאטער און מוטער זיינען פארוואונדערט, אוןביידע בעטען דעם אורח ער זאל דערצעהלען ווייטער. יא! איך וועל דערצעהלען, ביידע זיינען געכאפט געווארען ביי איין פארברעכען, א קרימענאלען פארברעכען, האט מען זיי פאראורטיילט אויף צוויי יאהר. פאליציי האט זיך דערוואוסט אז זיי זיינען ברידער, האט מען זיי ביידען געשלאסען האנט צו האנט, נו — איז דאס ניט א זעלטענע אחדות?...

דאס זעלבע נח מיט זיינע זיהן, „את שם את חם ואת יפת", וואלט דען ניט געווען גענוג צו שרייבען „ויולד נח שלשה בנים את שם חם ויפת", ווארום ביי יעדען, דעםווארט „את"? דאס ווייזט אז זיי האבען קיין אחדות ניט געהאט צווישען זיך. יעדער איז געווען באזונדער. „את שם", שם שטימט ניט מיט „חם", דארום איז ביי „חם" דער ווארט את, צו ווייזען, דאס ער איז א באזונדער וועלט. „חם" שטימט ניט מיט „שם" און געהט אין אן אנדער וועג. און חם שטימט ניט מיט יפת, יפת שטימט ניט מיט חם, שם שטימט ניט מיט ביידען, זיי ביידע שטימען ניט מיט שם. „ואת יפת", שם האט פיינט דעם אריסטאקראט, דעם אפיקורס יפת, יפת ווידער האסט „שם", דעם פרומען, דעם תלמיד חכם.

אבער אז זיי דארפען פארשפארט ווערען אין פריזאן, אין קאסטען, אין מבול וואסער, עס האלט ביי דערטרינקען ווערען, האבען זיי זיך ארום גענומען אלע צוזאמען. „ויבא נח ואשתו ובניו ונשי בניו אתו אל התבה", נח מיט זיין ווייבעל, וואס מן הסתם האט זי ניט זעהר ליעב געהאט דעם צדיק

תמים... איצט איז זי שוין שלום מיט איהם, און די זינדעלאך הם און יפת, גלייכען געווים ניט דעם טאטען, און איינער דעם אנדערען ווי מיר האבען געשריבען. יעצט האבען אלע גע־שלאסען שלום ויבא נח ואשתו — שלום, ובניו שלום מיטן טאטען שלום ביי זיי איינער מיט'ן צווייטען, מפני מי המבול, אז דער מבול וואסער איז אויף דער וועלט, די קיימעלאך צרות אויף דער וועלט, מפני מי המבול (דאס איז אויך דער משל אויפ'ן גאנצען כלל ישראל דאס זעלבע פאר דער אומה ישראלית אנגעמאסטען, פארשטעהט אליין).

---

## צו קלוג

אם היה אחד מביא קופתו פירות והיו באים כל אחד ונוטלים פחות משוה פרוטה, ואינו יכל לתובעם ברין, אמר הקב"ה — אתם עשיתם שלא כשורה, אף אני אעשה עמכם שלא כשורה.

(מדרש נח).

דער מדרש זאגט, אז דער דור המבול, האבען זיך גע־קליגט אין גזילה, זיי זאלען ניט חייב זיין, אז איינער האט גע־בראכט אין מארקעט פירות — האט יעדער גענומען אויף ווענינער פון ווערדע א פרוטה, האט גאט געזאגט, איהר האט געטהון ניט כשורה, וועל איך אויך מיט אייך מאכען ניט כשורה, פרעגען פילע מפרשים, אמת זיי האבען געטאהן ניט כשורה, אבער גאט האט דאך געטאהן כשורה?

עס זיינען פאראן היינטיגע צייט אויך א סך אזעלכע ווי דאן, וואס זיי זיינען גרויסע חכמים, איבער קלוגע, קליגען זיך געגען גאט, אט אזוי זיינען געווען דער דור המבול. זיי האבען זיך געקליגט געגען השי"ת, צו קלוג טויג ניט.

א קלוגער קעניג איז געווען, א חכם מחוכם, און ער האט

געפיהרט זיין לאנד מיט חכמה. איז ער געגאנגען אמאל שפאצירען מיט'ן משנה למלך, פרעגט איהם דער קעניג, זאג מיר מיין טייערער, ווי געפעהלט דיר מיין הנהגה פון דער מדינה, ווי איך פיהר. האט דער משנה למלך געענטפערט, די הנהגה המדינה איז זעהר גוט און דער קעניג איז א הכם מחוכם, נאך איבער'ן מאס. דעם קעניג האט עס זעהר פארדראסען. אז ער איז געקומען אהיים, האט ער באפוילען אז מען זאל מאכען א מעדאל פון גאלד, פאר'ן משנה למלך, און דער גאלדענער מעדאל זאל וועגען זעכציג פונט פון ריינע גאלד, און דער משנה למלך זאל עס טראגען אויפ'ן האלז. ווען דער משנה למלך האט עס דערהערט, איז ער געקומען צום קעניג בעטען, אדוני המלך, וואס האב איך פאר א גרויסע זינד, אז איך זאל האבען אזא שטראף, מוזען טראגען אזא משא אויף מיר.

האט דער מלך געענטפערט, זיי וויסען מיין טייערער, אז איך האב געטאהן צו דיר מדה כנגד מדה, דו האסט געזאגט, אויף מיר אז איך בין א הכם מעהר וויפיעל מען דארף, האב איך באטראכט, אז נאך דיין געדאנק איז דאס א מעלה, צו זיין קלוג מעהר ווי די מאס, דערום טהו איך דיר א טובה, א מעדאל מעהר גרויס ווי די מאס, א קליינער גאלדענער מעדאל וואלט דאך געווען גוט, אבער א זעכציג פונטיגען איז צו גוט, איצט וועסטו זעהען אז אלעס צו פיעל טויג ניט...

דער דור המבול האבען זיך געקליגט, צו רויבען פחות משוה פרוטה, האט גאט געזאגט, וועל איך אייך געבען א טובה, צו פיעל טובה, רעגען איז דאך גוט, קען דאך קיינער ניט זאגען אז עס איז ניט גוט, עס איז דאך געוויס גוט. וועל איך געבען דעם רעגען צופיעל, וועט איהר שוין פארשפארען צו זיין קלוג, די רוב טובה פאר אייער רוב הכמה.

## מסורה — פינף ווערטער צוויי אותיות א ווארט

נח את שם את חם
כי גם זה לך בן
כי יד על כס יה
על כן לא בא אל (שלחן המלך)
גם לי גם לך לא (יהיה)
(אין) זה כי אם רע לך.

די בעסטע זאך איז אזוי צו טאהן, זיין פרום און קענען לערנען, און אויך לעבען בעולם הזה א גוטען לעבען, ניט פלא־גען זיך מיט סיגופים, איבעריגע פאסטען טעג און אזוי ווייטער, „נח" את גרינג, אזוי צו טאהן, „את שם", ער זאל האבען מיט זיך אימער וואס שם האט געהאט מיט זיך תורה און מצות, און אויך „את חם" וואס חם האט אימער מיט זיך געהאט, לעבען, עסען טרינקען פון כל טוב, אזוי דארף יעדער איד זיין — את־שם און את־חם, ודו"ק. ווייל "כי גם זה" דען אויך די וועלט, הייסט עס, איז אויך „לך בן", דארפסטו ליעב האבען ווי א קינד, דו קענסט מיט גוט לעבען האבען עולם הבא.

---

כי יד על כס יה
על כן לא בא אל (שלחן המלך).

איינער וויל נאר זיין מיט גאט, כי־יד־על־כס־יה, נאר זיין א איד א פרומער אבער נאר מיט דעם אליין, און פון דער וועלט האלט ער גאר ניט, טויג ניט, „על כן לא בא אל שלחן המלך", מיט דעם אליין קען ער ניט קומען צום שלחן המלך, ודו"ק.

---

גם לי גם לך לא (יהיה)
(אין) זה כי אם רע לך.

אז איינער טהוט ניט ביידע, ניט ער זוכט עולם הבא, און ער זוכט אויך ניט עולם הזה און ער זאגט „גם לי", ניט צו מיר וואס באלאנגט צו מיין קערפער, „גם לך", ניט צו דיר גאט וואס באלאנגט צו דיר, „לא יהיה", זאל ניט זיין ביידע, דאס איז סתם א גארניט אדער זאגען גאר בעסער א גארנישט שבגארנישט.

---

## חנוך הבנים

כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה.

דא איז א גרויסע פראגע, אין אנפאנג סדרה האט דאך גאט איהם גערופען צדיק תמים, און יעצט זאגט גאט ב"ה צו איהם „כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה", דען דו ביזט מיר געפעהלען פאר א צדיק, אין דעם „דור" — טא וואו איז געבליבען דער תמים, פריהער רופט די תורה איהם תמים, און יעצט נאר צדיק אליין?

נח'ס קינדער האבען גורם געווען אז עס זאל אראפ פון איהם דער תמים. נח האט זיינע דריי זיהן, „שם" איז גוט, אבער „יפת" דער אריסטאקראט, מן הסתם לייגט ער ניט ביידע פאר תפלין, און עס קען זיין אפילו איין פאר אויך ניט, און דער פאסקודנאק חם, דער האמוק, איז דאך גאר א מאוס'ע בריאת, און אויסוואורף, א טרעמפ, זאגט גאט צו איהם: נח, אמת — איידער דו האסט געהאט די צוויי בנים, האב איך אויף דיר גע־שריבען צדיק תמים, ווייל דו ביזט עס טאקע. אבער יעצט, כי אותך ראיתי צדיק, ניט תמים. פארוואס ווערסטו פרעגען, איז אראפ דער תמים, ווייל — „בדור הזה" צוליעב דיין דור,

אז דו האסט אזעלכע בנים, קען איך דיר ניט רופען מעהר צדיק תמים, נאר צדיק אליין, ודו"ק.

---

כי מלאה הארץ חמס מפניהם

די רייכע, די בעאמטע, די פיהרער, אלע פון די הויכע פענסטער. אט די „פני" איז פול מיט גזילה, רציחה, גניבה, פאלשקייט, נידערטרעכטיגקייט, אלעס געפינט זיך ביי די פני.

---

## אויסער אלטע בחורים און קאטוילישע גלחים

„ומכל החי וגו' — זכר ונקבה יהיו — הער מיין ליבער נה, אין דיין שיף נעהם אריין, נאר די יעניגע וועלכע האבען א פאר, אויסער אלטע בהורים, אלטע מוידען, און אויסער קאטוילישע גלחים... ווייטער נעהם אריין אלע וואס האבען א פאר, אפילו א דבר אחר...

---

## חנוך בן ירד איז א שוסטער געוועזן

די אגדה זאגט, „חנוך תופר מנעלים היה ועל כל תפירה ותפירה היה מיחד יחודים". חנוך איז געוועזן א שוסטער, און אויף יעדען ציה מיט'ן דראטווע, האט ער מיחד יחודים געוועזן, מיינט מען, אז דאס איז געמיינט, דאס אויף יעדען ציה

דעם דראַטווע, האָט ער געלערענט סודי סודות, און די גאָט־הייט. קומט ר׳ ישראל סאַלאַנטער דער געטליכער גאון און צדיק און זאָגט, אז חנוך איז געווען אַן אמת׳ער, ערענטליכער בעל מלאכה, ער האָט נאָך געקוקט אויף יעדען שטאָך און יעדען ציה מיט׳ן דראַטווע, אז עס זאָל זיין איינע און איינע גלייך, און שטאַרק צוגעצויגען, אז עס זאָל זיך האַלטען, און נאָר אַזאַ בעל מלאכה קען ווערען אַ מלאך.

---

## פרומע שרעקט זיך ניט

אלה תולדות נח, נח איש צדיק תמים היה בדורותיו.

מיר לעבן איצט, אין אַ וועלט פון כופרים, אין אַ וועלט פון אַ סך וועלכע לאַכען פון כל קודש, דער אויר איז פאַרפעסטעט, אין אַזאַ פאַרפעסטעטע לופט דאַרף לעבען דער פרומער איד אין זיין ריכטיגען וועג, ניט אַפּקעהרען, ניט רעכטס ניט לינקס. אלה תולדות נח, זאָגט רש״י די תולדות הצדיקים איז מעשים טובים, און דאָך איז ער געווען מיט זיינע מעשים טובים פאַלקאָם אפילו בדורותיו אין זיין צייט, אין אַ דור פון רשעים, את האלהים התהלך נח, און ער איז געווען געגאַנגען מיט גאָט און געווען אַ צדיק תמים.

---

## דער איד אין גלות

עניה סוערה לא נחמה ויסדתיך בספירים.
(הפטורה נח, ישעיה נ"ד)

דער אָרימער איד אין גלות. אָרים — דאָס אליין איז שרעקליך, און נאָך דערצו האָט ער אַ נערוועז קראַנקהייט, ער איז כסדר אויפגערעגט, אונמעגליך איהם צו טרייסטען. אויב אַ מאַן, ווערט נעבאך פארטריבען אין גלות, אין א פרעמדע לאנד, איז אזוי, — אויב ער האָט געגוג געלט, וועט מען איהם אומעטום מקבל זיין „בסבר פנים יפות", אפילו ער איז אַן אָרימאַן, אָבער געזונד און שטאַרק, וועט ער אויך געפינען ארבייט, און ער וועט זיך מאַכען אַ לעבען. אָבער ווען ער איז אָרים און קראנק, דאן איז איהם אין גלות זעהר ביטער. „עניה" דו אָרימע כנסת ישראל, און דערצו ביזטו „סוערה", צושטורעמט, קראנק נערוועז, צוציטערט, דאן דוכט זיך דיר אז „לא נוחמה", דו ביזט ניט געטרייסט, דו קענסט ניט מקבל זיין תנחומין, זאָג איך דיר אז איך וועל דיר טרייסטען, „הנה אנכי מרביין בפוך אבניך", דו וועסט ווערען רייך, און אין גלות וועסטו אויך ניט זיין, ווייל — „ויסדתיך בספירים", דיין פעס־טען פונדיישאַן, אויף דיין לאנד, ניט קיין אוים וואנדערער וועסטו זיין, דיין פונדיישאַן „בספירים", ודו"ק.

---

## אונגליקליכער יקום פורקן

וימח את כל היקום.

אין אַ שטעדטעל אין דייטשלאנד, האָבען זיך פאר־זאַמעלט אַנשי העיר מתקן צו זיין (מקלקל צו זיין) דעם סדר

התפלה, וואָס מען זאָל אויסמעקען פונ'ם סידור. אז עס איז געקומען צום יקום פורקן האָבען זיי ניט געוואוסט וועלכען צו מעקען, האָט איינער אַ בר אוריין, און אַ פיינער איד אָנגעוויזען אַ ראיה פון דער תורה, אז אויב מעקען איז ביידע יקום פורקן'ס — און דער באוויז איז, האָט ער זיי געזאָגט, ווען די אנשי המבול אז זיי האָבען פארדאָרבען זייערע וועגען, פונקט ווי איהר היינט, דאַן האָבען זיי אויך ביידע יקום פורקן'ס אויס געמעקט, ווייל עס איז געזאָגט, „וימח את כל היקום", אז אָפּגעמעקט — זאָל זיין ביידע יקום פורקן'ס.

---

## משל פאַר ציון

איך בין געפאָהרען אויף אַ שיף, זעהר פיעל מענטשען זיינען געווען אויף דער שיף, ערשטען, צווייטען און דריטען קלאַס, פלוצלונג איז געוואָרען אַ גרויסער שטורם, די שיף האָט זיך געוויקט, אזוי ווי אַ שטרויעלע, אויפ'ן רוישענדען ים. פלוצלונג האָבען מיר געהערט אַ געשריי אז די שיף איז ארויף געוואָרפען אויף אַ שטיין, און עס האָט געמאַכט אַ לאָך און זי געהט אָן מיט וואסער. אַ גרויסער טומעל איז געוואָרען ביי די אלע רייזענדע, און איך האָב געהערט אָט אזעלכע געשרייען:

אָט דאָס איז איבער אייערע הטאים, אַפּיקורסים, איבער אייערע מעשים רעים, צוליעב אייך וואָס איהר זייט מחלל שבת בפרהסיא, און איהר טהוט אלע מעשים רעים, צוליעב אייך איז דער אומגליק, און מיר מוזען צוליב אייך ליידען.

האָבען די פרייע זיך צושריגען, ניט מיר זיינען שולדיג, די נאַרישקייט פון דער וועלט, וואָס עס פעהלט נאָך ידיעה, מיר זיינען נאָך ניט געקומען צו די הויכע בילדונג. מיר ווייסען

נאָך ניט אַלע געגענדען פון׳ם ים, צו קענען אויסמיידען די סכנה פלעצער, ליכט פון בילדונג פעהלט.

איינער האָט אזוי געשריען, עס פעהלט אונז צו וויסען און פעסט צו שטעלען, וואָס פאר א וועטער עס דאַרף אַנקומען, ווען דער קעפּטען וואָלט געהאָט די ידיעה, וואָלט ער ניט ארוים געפאָהרען.

חברים, איהר האָט א טעות, האָט איינער געשריגען, ווען מיר וואָלטען געקענט מאַכען שיפען פון אַזאַ מין שטאָף וואָס האָט קיין מורא פאר א קלאַפּ פון א שטיין, וואָלטען מיר ניט געווען איז אַזאַ סכנה.

איינער האָט אויסגעשריען, חברים, נאַריש זייט איהר אָהן שכל, קיין פארשטאַנד פון א מענשען האָט איהר ניט. אין די טויזענטער יאָהרען וועט מען פון אַזעלכע ברואים, ווי איהר זייט ניט קענען מאַכען פאר מענשען. אין אזא געפאהר ווי מיר שטעהען איצט, די שיף איז צובראָכען, וואסער געהט אין איהר, און אונטערען דעק, די דריטע קלאס קען זיכער זיין, דאָס דאָרטען שלאָפען גאָר מאַמעס מיט קינדער, אלטע קראנקע מענשען און אַלערהאַנד, זאָלען מיר לויפען זיי ארויף נעהמען אויפ׳ן דעק, דער געפאהר איז גרויס, איצט שטעהט איהר, און קלעהרט, און יעדער וויל אויפווייזען, אז ניט צוליעב איהם האָט עס געשעהן, איינער ווארפט די שולד אויפ׳ן צווייטען, איצט ראַטעוועט אַנדערע, און ראַטעוועט זיך אליין. גערעכט! גערעכט! האָבען אלע אָנגעהויבען שרייען.

מיינע ליבע ברידער, דאָס האָב איך געזאָגט ביי א ציוניסטישע פארזאמלונג, וואו עס איז פאָרגעקומען א גרויסע מחלוקה ביי ציוניסטען און מזרחי׳סטען, שקצים איהר זייט שולדיג, און יענע שרייען איהר זייט שולדיג, און אנדערע שרייען די זיינען שולדיג, אַ דריטער שרייט איהר זייט שולדיג, און נאָך אנדערע שרייען איהר זייט אלע שולדיג, אַ פערטער קלאַס שרייט איהר זייט אַלע דריי שולדיג.

די אידישע שיפעלע, ווערט איצט געטראגען פון די כוואליעס פון'ם ים, אין קיין פלאץ קען זי איצט ניט אנקומען, מען לאזט ניט אריין, אלע ווילע הערט מען אז דארט און דארט האט זיך די שיפעלע אנגעקלאפט אן א שטיין... די פרויען, די מאמעס, שרייען מיר האבען מורא פאר'ן וואסער... אנדערע מאמעס, מיט די קינדער זיינען גאר אין טיפען שלאף פארזונקען... מען ווערט שוין באלד דערטרונקען, גאר אין גאנצען... אין גייסט... אין קערפער... איצט שטעהט איהר, און קריגט זיך, ווער איז שולדיג... מיר אלע זיינען שולדיג... מ י ר ז י י נ ע ן א ל ע ש ו ל ד י ג . . .

---

די היינטיגע רופען זיך פרייע, זיי זיינען פריי צו טאהן וואס זיי ווילען, אזוי רופען זיי זיך אליין. אבער איך זאג פונקט פארקעהרט, מיר פרומע זיינען פרייע, און זיי זיינען ניט פרייע. אומגעפעהר שבת רויכערען. מיר אדער אנדערע פרומע, קומט אפילו אויף דעם געדאנק ניט ארויף, מען טאר ניט און דאס אלעס, אבער די פרייע, ווען איינער איז ביי א פרומען טאטען און האט מורא פאר דעם טאטען, וועט ער זיך באגראבען און בייסמענט, אדער געהן פופציג בלאק ווייט אום צו קענען רויכערען, און אזוי איז מיט אלעס, און ביי אלעס, ביים עסען, טרינקען און אלע עבירות, מיר מוזען ניט און זיי מוזען, ווער איז טאקע אין דער אמת א פרייהער, מיר אדער זיי?

---

א חזן האט זיך באריהמט פאר'ן ראש הקהל, דאס ווי נאר ער האט געדאווענט תפלת גשם, אזוי האט גלייך אנגעהויבען רעגענען.

דער ראש הקהל האָט איהם גלייך געענטפערט, אזוינע מענשען ווי דו חזן, קענען אויך ברייגגען אַ מבול...

---

דער גליק פון די מענשהייט איז וואָס איינער קען ניט אריינקוקען אין מענשענס קאָפּ, געדאנקען און הארץ. ווען מען וואָלט יאָ געקענט אריינקוקען אינ׳ם אינערליכען גע־דאַנק פון מענשען וואָלטען מענשען אַנטלאָפען איינער פון׳ם אַנדערען...

---

די וועלט איז אַ טורמע, פון וועלכע קיין מענש קען ניט האָפען ארויסצוקומען אַ לעבעדיקער...

---

ס׳רוב מענער, איבערהויפּט פון די יונגע, זיינען גרויסע כעמיקער, זיי קענען מאַכען פון געלד בלאָטע...

---

אַ מענש קען ווערטה זיין אַ מיליאָן דאלער, און ניט ווערט זיין וואָס די ערד טראָגט איהם...

---

צוויי גוטע מענשען זיינען דאָ אויף דער וועלט. איי־נער איז שוין טויט. דער צווייטער איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען...

---

אויף אַ קאַרגען גביר זאָגט מען ער קלייבט געלט, האָט ער. — איך זאָג ער האָט ניט געקליבען, נאָר ער האָט גענומען ווי עס געהט. ווען ער וואָלט געקליבען, וואָלט ער ניט גע־האָט (קלייבען די איז כשר די איז ניט כשר). ער האָט גע־נומען...